# הונגער

(אַ מאָנאָלאָג פון אַ הונט)

האַר־האַו! אַט שטיי איך אין מיטן מאַרק און ביל אין דער הוילער לופט אַריין. כ׳בין שוין אויסגעלאָפן ס׳גאַנצע שטעטל, כ׳בין שוין געווען אין אַלע הויפן, כ׳האָב שוין איבערגעשמעקט יעדעס בערגל מיסט, ס׳איז גאָרנישט דאָ!

איך הויב אויף דעם קאָפּ צו די מענטשן און רעד, און בעט, און וויין: זיי ענטפערן מיר מיט „וואָן״! — איך זאָל מיך נישט פּלאָנטערן צווישן די פיס. ווען ס׳גייט אַ מענטש מיט ברויט, ווייל איך גאָר נישט שפּרינגען אַנטקעגן און בעטן זיך. איך זע דאָך, ער גייט ניך און זיינע אייגן בלישטשען פון הונגער! איך גיי נאָר גלאַט פון הינטן, איך וויל פילן דעם זיס־זויערן טעם פון ברויט.

ווען איך דערמאָן מיך אין אַמאָליקע צייטן, דריי איך מוך און קוויטשע פון בעס. כ׳וויל בייסן זיך אַליין.

איך פלעג נישט אַרויסגיין פון מיין הויף. ווען אַ מענטש איז געגאַנגען לעבן פּאַרקאַן, פלעג איך הייך בילן: — מ׳טאָר גאָרנישט רירן! דאָס אַלץ איז מיין! — ווען מ׳האָט מיר געוואָרפן אַ שטיקל ברויט, האָב איך עס געלאָזט ליגן! איך האָב נישט געוואָלט שטיין, פאַרבויגענען צייט דערביי און קייען, ווי אַ קו.

אַלע אינדערפרי האָט מיין באַלעבאָסטע גענומען דאָס קוישל און איז געגאַנגען אין יענעם געוועלב אַריין, וו עס הענגען גרויסע בלוטיקע שטיקער פלייש: פון דאָרט האָט זי מיר געבראַכט אַלערליי שטיקלעך.

אַלע אין מיטן טאָג האָט מען מיר אַרויסגעבראַכט אַ שיסל עסן. ס׳איז דאָרט געווען קאַרטאָפלעס, רויטע מערן און זאַפטיקע ביינדלעך. און דאָס שיטערע אַליין איז דאָך געווען אַזוי פעט און זיס. איך האָב געזופט און געזופט, און אויסגעלעקט ביז דער דנאָ.

היינט, אז איך נעפּין שוין אַ ביין, איז ער אַזוי טרוקן! איך קיי און קיי, עס קומט מיר אָן אַ פול מויל מיט סלינע און דער ביין קריכט צוריק אַרויס גאַנצערהייט פון דער צווייטער זייט מויל. האו־האו!

איינמאָל לויף איך אַזוי מיט אַן איינגעצויגענעם בויך און דער מוח רייסט מיר פון הונגער. שטעל איך זיך אָפּ און צעביל מיך מיטן גאַנצן האַרצן און מיט אַ קוויטשיק געוויין: — פאַרוואָס איז אַזוי שלעכט?!

קעגן־איבער דערזע איך אַן אָפן געוועלב, און אַרום, אויף די ווענט, הענגען בלוטיקע שטיקער פלייש. דער גוף איז מיר געוואָרן שטייף פון חשק. עטלעכע הינט וואַרטן דאָ פאַרן געוועלב. איינער שטייט, דער אַנדערער זיצט, און זיי נעמען נישט אַראָפּ קיין אויג פון דעם מענטש מיטן ווייסן פאַרטוך.

איך דריי מיך פאַרן געוועלב און גנבע מיך אַריין מיט ציטער־דיקע גלידער און מיט אַן אַרונטערגעבויגענעם עק. אין דער נאָז קיצלט אַזוי דער געשמאַק פון פרישן פלייש! אָט שטיי איך שוין בײַ אַ שטיק פלייש און לעק. נאָר ס׳איז צו גרויס און עס הענגט צו הויך!

מען טרייבט מיך אַרויס פון געוועלב. איך בלייב, ווי אַלע, אין דרויסן, און קוק אַריין. אויפן ברייטן קלאָץ ליגן קליינע שטיקלעך פלייש. דערלעבן שטייט דער מענטש מיטן ווייסן פאַרטוך און מיט דער שאַרפער האַק. זיץ איך אַזוי און זע דאָס רויטע, פרישע פלייש, און איך דרימל איין פון טייערן געשמאַק. עס חלומט זיך מיר, אַז איך עס זאַפטיקע פלייש, נאָר איך כאַפּ מיך אויף און איך האָב אַ מויל מיט סלינע. צעביל איך מיך פון ווייטיק! איך האָב דערפילט מײַנע ציין און נעגל.

האָב איך געגעבן אַ שפּרונג אַריין און געכאַפּט אַ שטיק פלייש. כ׳בין געלאָפן, און איבער מיר זײַנען געפלויגן גאַנצע ציגל מיט שטיינער. הינטער מיר איז געלאָפן דער מענטש מיטן ווייסן פאַרטוך. אַ שרעק! כ׳בין אַרייַנגעלאָפן צו מיר אין הויף, אוועקגעלייגט דאָס פלייש אויף דער ערד און אויסגעדרייט זיך: דאָ בין איך זיכער!

דאָס ווייסע פאַרטוך איז געשטאַנען פאַרן פאַרקאַן. האָב איך אויסגעשטשירעט מײַנע ציין און געגעבן עטלעכע הויכע ביל, ער זאָל מורא האָבן, און איך האָב גענומען רייסן און שלינגען פלייש, מיט אַזאַ אַפּעטיט. די ציגל מיט די שטיינער זײַנען מיר נאָך געשטאַנען פאַר די אויגן, ווי זיי פליען איבער מיר!

איך גיי איבערן שטעטל און קוק אריין אין די געוועלבער, נאָר מ'קען מיך שוין. אז מ'דערזעט מיך, קומט מען ארויס צו דער טיר מיט א שטיק האָלץ, מיט א בעזים!

איינמאָל זע איך אויפן מארק שטיין א סך מענטשן. כאַפּ איך מיך אדורך צווישן זייערע פיס. אין מיטן פּלאַץ איז געלאָפן א פרעמדער הונט, ארום און ארום. ער האָט געקוויטשעט, ארויסגעוויזן זיינע ציין, אָנגעכאַפּט א שטיין און געגריזשעט. כ'בין צו אים שטיל צוגעגאַנגען פרעגן. האָב איך דערזען זיינע שטאָל־שארפע משוגענע אויגן און בין אַנטלאָפן. כ'בין געשטאַנען פון ווייטנס און כ'האָב געבילן. פון שרעק, פון אייגענע צרות האָב איך געבילן!

איך האָב געזען א לאַנג־דאַר הינטל. מ'האָט געקאָנט דעריין ציילן יעדעס ביינדל. ס'איז שטיל געקראָכן און נאָר געזוכט. וואָס האָט עס געקאָנט געפינען?! ס'איז מיר געוואָרן מיאוס צו קוקן. האָב איך אויפגעהויבן דעם קאָפּ און לאַנג געוויינט, און דאָס איז געקראָכן און נאָר געזוכט... און איך אליין ווי אזוי זע אויס?! איך גיי מיט אָן אראָפּגעלאָזענעם עק, און איך זע שוין אויס, ווי א קאַץ!

ס'זיינען פאַראַן הינט, וואָס עס איז זיי גוט. אָט דער געלער בוקעט. ער האָט א פּאַסקודנע נאַטור פון חנפענען און בעטלען. ער וועט זיך דרייען פאַר א מענטש אהין און צוריק און מאכן מיטן עק, און ארויפקוקן צו אים אין פּנים אריין, און רייבן זיך מיטן בויך אָן דער ערד און לעקן די פיס, ביז מ'ווארפט אים עפּעס. און אז א קינד גייט און האַלט אין דער האַנט א שטיקל ברויט, וועט ער שוין נישט אוועקגיין. דאָס קינד האַקט אים מיט דער האַנט אין דער מאָרדע אריין, און ער וועט אַלץ נאָכגיין, און אָנרירן מיט דער מאָרדע דאָס שטיקל ברויט, און נאָכאמאָל אָנרירן, ביז דאָס קינד ווערט מיד. נעמט ער עס ארויס פון קינדס האַנט און עסט אויף! — ער איז נאָר נישט קיין הונט! גאַנצע טעג לויפט ער ארום מיט די קינדער. זיי שפּילן זיך, און ער — מיט: זיי לויפן, און ער לויפט־מיט, און כאַפּט אָן עמיצן פון זיי בא דער פּאָלע, און שלעפּט און רייסט, און וואָרטשעט — משוגענע העזות! אין מיטן לויפן כאַפּט ער זיך פּלוצלונג אויף אויף א קינד און גיט א הויכן ביל גלייך אין פּנים אריין, און שרעקט איבער דאָס קינד. אליין רוקט ער זיך אין דער ברייט און ציטערט פאַר מורא. איך קאָן נישט אָנקוקן זיינע ווינקלדיקע חניפה־אויגן. א שטיק שמאַטע איז ער, נישט קיין הונט! איך דריי מיך פון אים אַוועק.

און דער שוואַרצער ציגאַן איז אַ מיאוסע בריאה! ער איז אויף אַלע מיסטן. ער עסט דאָס אייגענע, וואָס חזירים עסן — רויע קאַרטאָפּלעס און פֿאַרפֿוילטע שטשערקעס! שטענדיק איז ער איינגעריכט, מיט אַ בלוטיק־צעביסענעם אויער. ווו ער לויפֿט אַדורך, וועט יעדער הונט אויף אים אַרויספֿאַלן, אַז עס ווערט אַ גוואַלד און אַ קורזש ביז אונטערן הימל! איך וואָלט אים געדורסט אויפֿן אָרט, נאָר ער טראָגט מיט זיך שטענדיק עפּעס אַ קרענק!

איין מאָל, באַנאַכט, זע איך לויפֿן עטלעכע הינט, און דער שוואַרצער ציגאַן פֿירט זיי. עפּעס זיינען זיי מיר נישט געפֿעלן. זיי האָבן זיך געהיט און געלאָפֿן צום פֿעלד. כ'בין מיטגעלאָפֿן. זיי זיינען נישט געווען צופֿרידן, נאָר איך האָב אַרויסגעוויזן די גרעסטע ציין און זיי זיינען אַנטשוויגן. מיר זיינען אַריין דורך אַ לאָך פֿון אַ פּאַרקאַן.

אַ גרויס פֿעלד מיט בערגלעך. זיי זיינען צו צו אַ פֿריש־אָנגעשיט בערגל און אָנגעהויבן אויפֿקאָפּען. ציגאַן האָט אַוועקגעשאַרט די ערד מיט דער מאָרדע, פּונקט ווי אַ חזיר. ער איז מיטן קאָפּ איינגאַנצן אַריין אין גרוב און געשלעפּט עפּעס פֿון דאָרט. ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ מענטש. איך בין פֿון שרעק אָפּגעשפּרונגען אויף עטלעכע טריט. ס'איז געווען שטיל און ליכטיק פֿון דער לבנה, און זיי זיינען געשטאַנען אַרום מענטש און געגעסן פֿלייש. איך האָב געפֿילט, ווי דער מיאוסער ריח פֿון טויט צעשפּרייט זיך. האָב איך אָנגעהויבן שטאַרק וויינען פֿון שרעק און מורא. מיינע חברים זיינען מיך עטלעכע מאָל באַפֿאַלן. איך האָב דערפֿילט אַ שרעקלעכן הונגער און אַ דאָרשט, און איך בין צו צום מענטש.

— האו־האו! ס'איז אַזוי גוט, ס'איז אַזוי פּאַסקודנע, האו־האו!

◆ ◆ ◆

איך האָב מיר געזוכט פּוסטע ערטער צום שלאָפֿן. איך האָב פֿאַראַלץ מורא געקראָגן. און איך האָב אָנגעהויבן לויפֿן און בייסן.